**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/21/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו ערמעגליכן קאלעגישע סטודענט ספארטלער צו באקומען פארגוטיגונג פאר אינדארסירונגען און ספארט אנטיילנעמונג

***לעגיסלאציע (S.5891-F/A.5115-E) ערמעגליכט קאלעגישע סטודענט ספארטלער צו ערהאלטן פארגוטיגונג פאר דאס באנוץ פון נאמען, בילד אדער ענליכקייט צו ווערן פארטרעטן דורך א אן אטוירני אדער אגענט***

גאווערנער האוקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.5891-F/A.5115-E) וואס ערמעגליכט ניו יארק קאלעגישע סטודענט ספארטלער צו באקומען פארגוטיגונג פאר זייער נאמען, בילד אדער ענליכקייט אן די ריזיקע פון פארלירן זייער סקאלערשיפס אדער בארעכטיגקייט אנטיילצונעמען אין קאלעגישע ספארטס.

״אונזערע קאלעגישע סטודענט ספארטלער זענען העלדן אויפ׳ן פעלד - און עס קומט זיך זיי צו ווערן באהאנדלט ווי העלדן אפילו נאך דער לעצטער פייף,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״שוין פאר צו לאנג, האבן קאלעגישע סטודענט ספארטלער נישט געקענט געניסן פון די אויסערגעווענליכע בענעפיטן וואס זייער שווערע ארבעט האט צוגעשטעלט צו זייערע שולעס. איך בין שטאלץ אונטערצושרייבן די דאזיגע לעגיסלאציע וואס וועט העלפן ניו יארק׳ס קאלעגישע סטודענט ספארטלער פארדינען די אנערקענונג וואס קומט זיי.״

ספעציפיש, טוט די לעגיסלאציע פארבאטן א קאלעדזש אדער קאלעגישע ספארט קאנפערענץ - אריינגערעכנט די נאציאנאלע קאלעגישע ספארט אסאסיעשען (NCAA) - פון איינהאלטןסיי וועלכע תקנות וואס פארמיידן סטודענטן פון פארדינען פארגוטיגונג אלס רעזולטאט פון דאס באנוץ פון א סטודענט-ספארטלער׳ס נאמען, בילד אדער ענליכקייט, פון אנטיילנעמען אין קאלעגישע ספארט פארמעסטן צוליב אזא פארגוטיגונג.  עס פארבאט אויך א קאלעדזש אדער קאלעגישע ספארט קאנפערענץ פון צושטעלן פארגוטיגונג פאר א סטודענט פאר באנוץ פון נאמען, בילד אדער ענליכקייט און ערלויבט שפילער צו ניצן פראפעסיאנעלע פארטרעטערשאפט צוגעשטעלט דורך אטוירניס און ספארטער אגענטן גע׳לייסענס׳ט אין ניו יארק סטעיט. אין צוגאב, טוט דאס נייע געזעץ פאדערן פון קאלעדזשעס אנטיילנעמענדיג אין NCAA׳ דיוויזיע I ספארטלער׳ צוזושטעלן סטודענט-ספארטלער סערוויסעס אין פארעם פון הילף אין דעגרי פארענדיגונג, קאריערע אנטוויקלונג, פינאנציעלע און גייסטישע געזונטהייט, דיסקרימינאציע און באפאלערישקייט טרענירונג, און פירערשאפט טרענירונג.

בעפאר׳ן טוישן די NCAA פאָליסי אין 2021 צו ערלויבן NIL קאנטראקטן, איז דאס פארבאט אויף צאלן סטודענט ספארטלער פאר זייער ארבעט געזען געווארן אלס אומיושרדיג און עקספלאיטירנד. דאס האט ספעציעל אפעקטירט סטודענטן פון קאליר. סטודענט ספארטלער נעמען באדייטנדע ריזיקעס, וואס ברענגט א טובה פאר די קאלעדזשעס, אבער זי זענען נישט ערלויבט געווען זיך צו טיילן אין די רווחים

אויסער א סקאָלערשיפ, וואס האט געקענט מעגליך זיין ווייט אונטער די איינקונפט וואס זיי האבן פראדוצירט פאר'ן סקול.

די דאזיגע לעגיסלאציע וועט איצט אוועקשטעלן אן אויסדרוקליכן געזעץ אין ניו יארק צו ערמעגליכן פאר סטודענטן זיך מיטטיילן אין די עקאנאמישע בענעפיטן געשאפן דורך זייער ספארטלערישע אויפטואונגען, אינאיינעם מיט זייערע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, וועלכע קענען אויפטרייבן איינקונפט דורך מידיע, טיקעט פארקויפונגען און פארשידענע חפצים צום פארקויפן.

דער NCAA האט באריכטעט אז די סה"כ איינקונפט אויפגעטריבן דורך ספארטלעריי דעפארטמענטס איז געווען באלד 19 ביליאן דאלער אין 2019. פון יענע איינקונפט איז איבער 2 ביליאן דאלער געקומען פון טיקעט פארקויפונגען.

**סטעיט סענאטאר קעווין ס. פארקער האט געזאגט,** "נאך יארן שתדלנות און שווערע ארבעט בין איך איבערגעוועלטיגט דערהייטערט אז גאווערנער האוקול האט אונטערגעשריבן דעם ביל אויף צו שטיצן און באשיצן אונזער 'נאציאנאלער קאלעגישע ספארטלעריי אסאסיעשען' (NCAA) דיוויזיע I ספארטלער. די היסטארישע לעגיסלאציע וועט ערמעגליכן פאר אונזערע סטודענט ספארטלער צו קענען בלייבן אין סקול, און ווערן פינאנציעל באלוינט פאר'ן נאמען, בילד און אויסזען, און עס וועט באשיצן אטלעטישע סקאָלערשיפס און אקאדעמישע בארעכטיגקייט אפילו אויב ווערט מען געשעדיגט. באקומען א סקאָלערשיפ טאר נישט דינען אלס באזיס אויף אפצוזאגן ספארטלער פון ווייטערדיגע פארגוטיגונג, איבערהויפט ווען פילע פון זיי קומען פון היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס, וואו טאג-טעגליך מוטשעט מען זיך אויסצוהאלטן מיט א לייטישן פרנסה. איך בין שטאלץ צו האבן די שטיצע פון מיינע קאלעגעס אינעם סענאט און אסעמבלי, איבערהויפט אסעמבלי מיטגליד מישעל סאלעדזשעס, וואס האט זיך מיט מיר אנגעשלאסן אין די ארבעט אויף זיכער צו מאכן אז אונזערע סטודענט ספארטלער האבן יעדע געלעגנהייט צו האבן ערפאלג, נישט בלויז ביי זייער אינסטיטוציע נאר אויף נאכ'ן גראדואירן."

**אסעמבלי־מיטגלידער מישאעל סי. סאלעדזשעס האט געזאגט,** "היינט שטייען מיר מיט סטודענט ספארטלער, געוועזענע סטודענט ספארטלער, זייערע פאמיליעס און לעגיסלאטארן אין נעמען דעם ריזן טריט אין דער גוטער ריכטונג פאר אונזערע סטודענט ספארטלער. פילע ספארטלער, געוויסע פון וועלכע, ווען נישט זייערע ספארטלערישע טאלאנטן, וואלטן נישט געהאט די יכולת'ן צו שטודירן אין קאלעדזש, קומען פון היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס וואו זיך אן עצה געבן מיט פרנסה איז א טאג-טעגליכע אנגעשטרענגקייט. די געלעגנהייט צו אפארדירן די לעבנס-הוצאות חוץ דאס וואס סקאָלערשיפ טוען אנבאטן וועט אינגאנצן ענדערן די אומשטענדן פאר פילע סטודענט ספארטלער און זייערע פאמיליעס. עס איז אונזער האפענונג אז DI קאלעדזשעס וועלן ווייטער אויסזוכן די בעסטע אינטערעסן פון סטודענט ספארטלער דורך אוועקשטעלן סעיווינגס פלענער פאר סטודענטן, ווי אויך א פאנד פאר פינאנציעל אנגעשטרענגטע סטודענט ספארטלער, לויט ווי אונזער ביל טוט ראטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418